# מעלדונג פון פובליק הירינג

פובליק מעלדונג אז די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג (DHCR) וועט אפהאלטן א פובליק הירינג וואס וועט ווערן אפגעהאלטן ביי די U.S. קאסטום הויז אודיטוריום, אלעקסאנדער העמילטאן U.S. קאסטום הויז, One Bowling Green, New York, New York 10004 אום דינסטאג, נאוועמבער 15, 2022. די הירינג וועט ווערן אפגעהאלטן פון 10:00 צופרי ביז 4:30 נאכמיטאג.

די הירינג ווערט אפגעהאלטן צו געבן רעגולירטע פארטייען און באזארגטע מיטגלידער פון די אלגעמיינע פובליק א געלעגנהייט אויסצודריקן זייערע מיינונגען אויף DHCR'ס פארגעלייגטע טוישונגען צו די ניו יארק סיטי רענט סטאביליזאציע קאוד און די ניו יארק סיטי רענט און עוויקשאן רעגולאציעס. די אפטיילונגען פון די צוקונפטיגע רעגולאציעס פארגעלייגט צו ווערן געטוישט זענען:
9 NYCRR §2200.1; §2200.2; §2200.14; §2202.1; §2202.2; §2202.4; §2202.13; §2202.16; §2202.25; §2202.27; §2203.4; §2204.3; §2204.4; §2204.5; §2204.6; §2206.7; §2208.9; §2211.2; §2211.3; §2211.4; §2211.5; §2211.6; §2211.7; §2211.8 and 9 NYCRR §2520.1; §2520.6(c), (d), (f), (k), §2520.7; §2520.8; §2520.9; §2520.11 (c),(e), (f), (j), (k), (p), (r),(s), (u); §2520.12; §2521.1 (b), (c), (d), (e), (g), (i); §2521.1 (m), (n); §2521.2 (a), (c) (d), (e); 2522.2; 2522.3 (a), (c), (e), (f); §2522.4 (a), (b), (d), (e),(g); §2522.5(a), (d), (f), (g); 2522.6 (b), §2522.7; §2522.8; §2522.9 (b); §2523.1; §2523.4 (a), (b), (f), (g); §2523.5 (b), (f); §2523.7 (b), (c); §2523.8; §2524.2 (e), §2524.4(a), (b) (c); §2524.5 (a), (b); §2525.2(b); §2525.3 (a); §2525.5; §2525.6(e),(g); §2525.7; §2526.1; §2527.2; §2527.3(a); §2527.4; §2527.5 (j), (k); §2527.5 (l), (m); §2527.7; §2527.9(a), (e); §2528.2(a)(7); §2528.4(a); §2529.6; §2529.10; §2529.12; §2531.1; §2531.2; §2531.3; §2531.4; §2531.5; §2531.6; §2531.7; §2531.8; §2531.9.
די פארגעלייגטע טוישונגען שפיגלען אפ טוישונג פון פארשידענע באדייטנדע און פראצעדורעלע געזעצן אין באצוג צו אזעלכע ענינים אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו: דירעגולאציע, איבער-רעכענונגען, גרויסע ריהאביליטאציע, צוואוארפונג, איבערנעמען רעכטן, איינצלנע דירה פארבעסערונגען, און גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג געזעצן באזירט אויף די האוזינג סטאביליטי און טענענט באשיצונג אקט (HSTPA) פון 2019, Ch. 36 פון די געזעצן פון 2019 ("HSTPA"), און Ch. 39 פון די געזעצן פון 2019 און DHCR'ס אייגענע ערפארונג אין אדמיניסטראציע, און געריכט קעיסעס באשלאסן זינט די לעצטע גרויסע גרופע פון טוישונגען צו די געזעצן אין 2014.

פרי-רעגיסטראציע פון רעדנערס איז פארגעשלאגן. די וואס ווילן פרי-רעגיסטרירן קענען רופן די אפיס פון מייקל בערריס אויף 262-4816 (718) און זאגן די צייט וואס זיי ווילן רעדן ביי די הירינג און וועמען זיי רעפרעזענטירן. פרי-רעגיסטרירטע רעדנערס וואס האבן רעזערווירט א צייט צו רעדן וועלן ווערן געהערט ארום יענע צייט. רעדנערס וואס רעגיסטרירן די טאג פון די הירינג וועלן ווערן געהערט אין די סדר פון רעגיסטראציע אין די צייטן וואס זענען נאכנישט רעזערווירט דורך פרי-רעגיסטרירטע רעדנערס. רעדן צייט וועט זיין באגרעניצט צו פינף מינוט כדי צו געבן וויפיל מענטשן מעגליך די געלעגנהייט צו ווערן געהערט. רעדנערס זאלן זיין גרייט אריינצוגעבן קאפיעס פון זייערע באמערקונגען צו די DHCR אפיציר וואס פירט די הירינג. די הירינג וועט זיך ענדיגן ווען אלע רעגיסטרירטע רעדנערס וואס האבן זיך באטייליגט ביי די הירינג וועלן ווערן געהערט.

DHCR וועט אויך אננעמען געשריבענע עדות אריינגעגעבן פאר די ענדע פון די הירינג. אריינגעבונגען קענען אויך ווערן געשיקט פון פאראויס צו Michael Berrios,
Division of Housing and Community Renewal, 92-31 Union Hall Street, 6th Floor, Jamaica, New York, 11433 (718) 262-4816 אדער דורך אימעיל צו 2022RentRegulationComments@hcr.ny.gov.